KSIĘGARNIA „CZYTAJ" Łódź

N- 126

pocztowa Opłata uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פּרייז 20 גראָשען

היינט 8 זייטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

| Nr. 116 (1130) | Łódź, Wtorek 31 Maja 1927 | פינפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג כט אייר תרפ"ז. | Nr. 116 1130 |
|---|---|---|---|---|

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

# שוואַרצבאַרד'ס פּראָצעס

## וועט פאָרקומען ערשט איז הערבסט.

פּ אַ ר י ז 30 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) ווי מיר דערוויסען זיך איז דער טער-מין פון שוואַרצבאַרד'ס פּראָצעס ווידער אָפּגעלעגט געוואָרען אויף הערבסט.

## לאָרד פּלומער וועט קאָנפערירען מיט'ן מיג. אמערי וועגען ארץ-ישראל

ל אָ נ ד אָ ן, 30 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) לאָרד-פּלומער וועט קאָנפערירען מיט'ן קאָלאָניען-מיניסטער אַמערי וועגען פערשידענע א"י-ישראל-ענינים.

די דאָזיגע קאָנפערענץ שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רייזע, וואָס דער ענגלישער קאָלאָניען-מיניסטער נעהמט איצטער איבער די ענגלישע קאָלאָניעס.

## גרויסער באַנדיטען-פּראָצעס אין מאָסקווע.

מ אָ ס ק ו ו ע, 30 (ספּ. טעל.) נאָך 16 טאָג איז פערענדיגט געוואָרען דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס געגען אַ גרויסער באַנדע גזלנים, וואָס האָט געווילדעוועט אין דער סביבה פון מאָסקווע. פון פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די באַנדע איז בעגאַנגען 130 מאָר-דען און רויב-אָנפאַלען. 8 באַנדיטען זענען פערמשפּט געוואָרען צום טויט, דער הויפּט פון דער באַנדע, וועלכער האָט די באַנדע אָרויסגעגעבען, איז פער'משפּט געוואָרען אויף 10 יאָהר תפיסה, 18 באַנדיטען האָבען בעקומען פון 11 ביז 10 יאָהר טורמע.

## פערפלייצונג פון דער וואָלגא

### אַסטראַכאַן אָפּגעשניטען.

מ אָ ס ק ו ו ע, 30 (ספּ. טעל.) די פערפלייצונג פון דער וואָלגאַ האָט אין דער געגענד פון אַסטראַכאַן אָנגענומען דעם מאַסשטאַב פון אַ גרויסער קאַטאַ-סטראָפע, דער טייך האָט זיך צוגאָסען אויף ביידע ברעגעס און אָפּגעשניטען אַסטראַכאַן פון דער איבריגער וועלט, דער מורא'דיגער שטורעם, וואָס הערשט נאָך דערצו אויפ'ן קאַספּישען ים יאָגט אויף דער שטאָט אונגעהויער הויכע כוואַליעס, וואָס פערגיסען אינגאַנצען די הייזער. די שוק-וואַלען זענען צו-שטערט דער גאַנצער פאָרט איז אינגאַנצען פערניכטעט. די אַרומיגע דערפער און שטעדטלעך זענען פערפלייצט. דער מיליטערישער און ציווילער פלאָט בעמיהט זיך צו ראַטעווען די איינוואוינער און דאָס פיה אויף שיפען.

## רומענישער פּאַטריאַרך אין ירושלים

י ר ו ש ל י ם, 30 (יט"א טעלעגראַ-פיש) היינט איז דאָ אָנגעקומען דער רומענישער פּאַטריאַרך מיראָן, וועלכער איז בעגריסט געוואָרען דורך אַ פערטרעטער פון דער ארץ ישראל-רעגירונג.

עס זענען אָנגענומען געוואָרען מיט-לען נישט צו דערלאָזען קיין אַנטי-רומענישע דעמאָנסטראַציעס וואָס זע-נען מעגליך צוליב די יודען עקסצעסען אין רומעניען.

----

## ערד - ציטערניש אין נעאַפּאָל.

ר ו י ם, 30 (ספּ. טעל.) אין די לעצטע טעג האָבען זיך עטליכע מאָל געפיהלט ערד-ציטערנישען אין נעאַפּאָל און אין דער אומגעגענד פון דער שטאָט. צו-ליב די ערד-טרייסלונגען איז איינגע-פאַלען אין נעאַפּאָל אַ 5 שטאָקיג הויז. קיין קרבנות זענען נישט געווען, ווייל די בעפעלקערונג געפינט זיך אונטער'ן פרייען הימעל.

Dr. med. H. LUBICZ
צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 41-52.
ספּעציאַליסט פאַר הויט, וענערישע און מ-נער-שוואַכע קראַנקהייטען 828
איז צוריקגעקעהרט.
אַפּגעגעבען טרעפּ-לאַמפּען (קוואַרץ-לאַמפּ) נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8 אָווענד.

סיך ערשטערע זענען מיר כודיע וועגען דעם טויט פון פרוי
נ. ע. לאה גיטעל ניסניעוויטש
די פרוי פון אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' ברוך ניסניעוויטש.
מיר בעטען אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון אונזער אינסטיטוציע צו קומען פּינקטליך צו דער לויה, וועלכע קומט פאָר היינט, דינסטאָג, 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז, פּעטריקאָווער 3.
די פערוואַלטונג פון דער געזעלש. „אינטערנאַט פאַר יוד. קינדער און פערמע אין העלענובעק".
870

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 74 יאָהר אונזער ליבע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער, שוועגערין און טאַנטע
נ. ע.
גיטעל אשת ר' גרשון ז"ל ווייגאַרטען
די לויה קומט פאָר היינט, דינסטאָג, 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז, גאַרנאַוויטשאַ 9, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.
877

DR PRYBULSKI
פּיאָטרקאָווסקאַ 1, טעלעפאָן 25-38
[illegible]
נעמט אָן פון 9—1 און פון 4—8 אָווענד
[illegible]

Dr. med.
Różaner
ספּעציאַל-אַרצט פאַר ווענערישע, הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע.
בעהאַנדלונג מיט קינסטליכע בערג-זאָנע.
נעמט אָן פון 8—10 פריה און פון 5 ביז 8 אַ זייגער אָווענד.
נאַרוטאָוויטש 9 1. שטאָק
טעלעפאָן 28-98.
אַ ספּעציעל - איינגעאָרדענטער וואַרטע-זאַל פאַר דאַמען.

אַלע די, וועלכע האָבען שולדען ביי
- פון -
יצחק בראַנדווייז שעליכאָוו
ווערען געבעטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו קומען היינט, פּינקטליך 7 אַ זייגער אָווענד אין לאָקאַל פון צענטראַלען סוחרים-פעראיין פּעטריקאָווער 10, כדי צו ערקלערען דער דערמאָנטער פירמע אַנ„אויפֿאַד-לאַסטונג".
די קרעדיט-שוץ-אָבטיילונג
ביים סוחרים-פעראיין, פּעטריקאָווער 10.
871

די ביליגסטע קוועלע
פון פּערפומען, זייפען, פּודער, געזיכטס-קרעמען,
פערשידענע צאָהן-פּאַסטעס פון די בעסטע אויסלענדישע פירמען איז צו בעקומען נור ביי דער האַנדעלס-פירמע
S. Buchwajc, Łódź
Piotrkowska 22, tel. 31-43.

דעם 1-טען טשערחיעך ד. י. 12 אַ זייגער מיטאָג וועט אין דער סינאַגאָגע פון יודי-שען שפּיטאָל אויפ'ן נאָמען פון פּאָזנאַנסקי אין לאָדז פאָרקומען אַ פייערליכע הזכרה צום אָנדענקען פון
נ. ע.
שטער שאַפּאָוואַל
צו וועלכער עס ווערען איינגעלאַדענט די פאַמיליע און פריינד.
די פערוואַלטונג
פון פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל.
872

טליתים-פאַבריק
אויסגעצייכנטע, פון טאַלענע, האַלב-טאַלענע זיידענע טליתים פון טערקישע, ווי אויך טליתים-קטנים הערט און דעטייל! מיט אויספּערו-טירונג, אויך גאַרטלען, שפּאַניער און ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל
ביי א. ה. ציטרינאָווסקי, קאָמיענגאַ 1.
אין צחייסען פויער פאַרטער. קומט און איבערצייגט אייך! 692
בעמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלטע טליתים צו [illegible].

LEKARZ-DENTYSTA צאָהן-אַרצט
St. GELBERG
זאַכאָדניאַ 15, טעל. 31-08
הײלט נאָך פּערנאַכלעסיגטע ציינער און מונד-קראַנקהייטען, צאָהן-ציהונג אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראַהלונג, ספּעציע-לער לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע ציינער, נעהמט אָן פון 9—12 פאַרמיטאָג און פון 3—7 אַ זייגער אָווענד. ביליגע פּרייזען. 1481

